# תורת יואל

גליון מס' 27

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

פרשת ויקהל תשפ"ה

## ויקהל משה את כל עדת בני ישראל (לה, א)
## ויצאו כל עדת בני ישראל מלפני משה (לה, כ)

רש"י: **ויקהל** לשון הפעיל, עס האט זיך אליינס אייגעזאמעלט, רש"י איז מסביר: אז משה רבינו האט איינגעזאמלט די אידן **על פי דיבורו**, זאלסט נישט מיינען אז משה איז אליינס ארום געגאנגען רופן דעם עולם, זאגט דער פסוק א לשון פון ויקהל אז דורך זיין באפעל איז יעדער צוזאמגעקומען.

פרעגן די מפרשים, משה רבינו האט כסדר גערעדט צו די אידן איבערגעגעבן די ציווי הד' - די באפעלן פון באשעפער, פארוואס זאל מען מיינען אז משה רבינו איז פרעזענליך ארום געגאנגען רופן דעם עולם יעדעס מאל? ער האט זיכער געהאט שלוחים און אויסרופערס וואס האבן מודיע געווען די אידן אז משה רבינו גייט רעדן.

נאך איז שווער, שטייט אין פסוק שפעטער, **ויצאו כל עדת בני ישראל מלפני משה:** אלע אידן זענען ארויס נאכן רעדן, פארוואס דארף די תורה זאגן אז מ'איז ארויסגעגאנגען נאך די דרשה, ס'איז פארשטענדליך אז נאכן ענדיגען רעדן גייט יעדער ארויס, יעדער איז אהיים איבער חזר'ן די ווערטער פון באשעפער, פארוואס פעלט אויס צו זאגן **ויצאו**?

און בכלל איז שווער, פארוואס פונקט ביי די דרשה איז די תורה אונז מודיע די צוויי זייער פשוט'ע ענינים.

דער רבי גיט א אונז א בליק, אויף די שווערע זמן וואס די אידן זענען דעמאלס דורך, מען האט געהאלטען נאך די מעשה פון די עגל, ווי די אידן האבן זייער שטארק געזינדיגט, און נאכדעם געטרויערט אויף די קרובים וואס זענען געהארגעט געווארען נאכן עגל, און די אידן האבן זייער תשובה געטוהן, און האבן געוואלט וויסן אויב השי"ת האט שוין מוחל געווען אויף די זינד פון דעם עגל.

אבער די גאנצע צייט, פון י"ז תמוז, ווען משה האט צובראכן די לוחות, ביז א טאג נאך יו"כ, האט דער אייבירשטער נישט באפוילען קיין שום ציווי איבערצוגעבן די אידן, און אויך משה רבינו האט נישט גערעדט צו די אידן, ווי עס שטייט אין פסוק, **ויתאבלו ולא שתו עדיו עליו.**

במילא: ווען ס'איז געקומען די בשורה טובה **ממחרת יו"כ**, אז משה רבינו גייט רעדן צו די אידן, האט נישט אויסגעפעלט

אפי' קיין שלוחים צו מודיע זיין די אידן, ווי געוועגליך, יעדער איז געקומען צו גיין פון זיך אליינס, וועגן דעם זאגט דער פסוק א לשון פון **ויקהל**, ווי רש"י איז מסביר **על פי דיבורו**, ווייל ביי די דרשה האט אפי' קיין שלוחים נישט אויסגעפעלט צו דערמאנען אז משה רבינו גייט רעדן.

דאס זעלבע איז דער רבי מסביר דעם צווייטען פסוק **ויצאו**, (אז נאך די דרשה איז יעדער ארויסגעגאנגען) אין שלחן ערוך ווערט געפסק'נט אז <u>שבת טאר מען נישט לויפן</u>, אזוי אויך, ארויס פון א ביהמ"ד טאר מען נישט ארויסלויפן, אפי' אינדעוואכן אויך נישט, ס'זאל חלילה נישט אויסזעהן דאס דאווענען ווי א משא, א חוץ אויב גייט מען צו א **דבר מצוה** - א הייליגע צוועק, דעמאלס מעג מען יא ארויסגיין שנעל אפי' פון א ביהמ"ד.

ביי יעדע דרשה פון משה רבינו, האבן די אידן געדארפט ארויסגיין **פאמעלעך - פאוואליע**, כדי נישט חלילה עובר צו זיין אויף די הלכה, <u>ביי די דרשה</u> האט משה רבינו איבערגעגעבן א ציווי ד' פון **ויקחו לי תרומה**, השי"ת האט געהייסן ברענגען די <u>נדבות המשכן</u>, אויב אזוי האבן די אידן יעצט יא געמעגט ארויס גיין שנעל, און זיך יאגן צו מקיים זיין די נייע מצוה, וועגן דעם שטייט **ויצאו כל עדת בני ישראל**, ווייל היינט האבן די אידן זיך יא אוועקגעיאגט נאכן ענדיגען די דרשה, כדי מקיים צו זיין די ציווי ד', צו ברענגען די נדבות פאר דעם משכן.

איז פארענטפערט די ערשטע קשי', ווייל די דרשה איז געווען ממש ע"פ דיבורו און קיין שלוחים אדער רופערס, אזוי אויך די צווייטע קשי', **ויצאו** - נאך די דרשה איז יעדער שנעל ארויס צו מקיים זיין די מצוה פון **ויקחו לי תרומה**.

און דער רבי ענדיגט די תורה, **וכן יהי' לעתיד בביאת המשיח**: אזוי וועט אויסקוקען לעתיד לבוא, ווען אלע אידן פון די גאנצע וועלט, <u>וועלן נאר הערן אז משיח איז דא</u>, וועט מען נישט דארפען קיין שלוחים, אלע אידן וועלן לויפן צום הר ציון צו הערן דעם דבר ד', במהרה בימינו אמן.

## מעשה:

## צדקה וחסד (ט): צדקתו עומדת לעד

פארציילט א מיטגליד פון די קרעמער משפחה, זייער פאטער ר' יצחק אהרן קרעמער ז"ל, איז געקומען קיין אמעריקע נאך פאר די קריג, א יונג בחור'ל אליינס, און געהאלטען יודישקייט מיט מסירת נפש, און נאכדעם ווען רביה"ק איז געקומען קיין אמעריקע האט ער נישט געהאט קיין ספעציעלע שייכות מיטן רבי'ן.

אומגעפער אין יאר תש"ח, האט ער זיך געגוויטיגט אין געלט, הערענדיג אז דער סאטמארער רבי איז א בעל צדקה, איז ער אריין צום רבי'ן אויסצושמועסען זיין געברויך, יענע יארן א נדבה פון איין דאלער איז געווען א שיינע נדבה, פינף דאלער איז שוין געווען גאר א שיינע נתינה, דער רבי האט עם גארנישט געגעבן נאר געהייסן צוריק קומען אין א וואך ארום

ר' יצחק אהרן האט געמיינט אז דער רבי וויל אים סתם אפשטופען, און ער האט אפגעמאכט אז ער קומט נישט צוריק, שפעטער האט ער זיך בארעכנט און געקומען צום רבי'ן, דער רבי גיט אים א סכום פון **גאנצע טויזענט דאלער**.

מנהג | טעמו | ומקורו

## מנהג:

**דער מנהג אין צאנז און סאטמאר, איבערצודעקן דעם שטריימעל מיטן טלית, בשעת עולה זיין צו תורה, אין בעלזא פאר די קריג האבן אלע יושבים געהאט דעם טלית אויף דעם שטריימעל במשך פון דאווענען, היינט צוטאגס אין בעלזא, דעקן איבער דעם שטריימל נאר דער רבי, בעל תפילה, און בעל קורא.**

הטעם: א באקאנטע חסידישע מימרא, שבת נוטריקון: שטריימעל במקום תפילין, און חסידים הראשונים האבן דאס נישט אויסגעטהון א גאנצען טאג, אפי' בשעת התפילה, נאר איבערגעדעקט מיטן טלית. רבוה"ק מגזע התמרים, פלעגן אנטהון דעם שטריימעל בשעת חזרת הש"ץ, און בשעת עולה זיין האבן זיי אנגעטהון דעם טלית אויפן שטריימעל, ווייל אזוי ווי מען טאר נישט חולץ זיין די תפילין נגד די ספר תורה, אזוי אויך טוט מען נישט אויס דעם שטריימעל אנטקעגן די ס"ת, נאר מען טוט אן דעם טלית אויפן שטריימעל. האדמו"ר ר' יעקב מ'פשעווארסק זצ"ל, האט עדות געזאגט אז זיין רבי, דער קאלאשיצער רב זצ"ל, האט געזאגט פון ברכות ביז הודי מיטן שטריימעל, און נאכאמאל אנגעטהון תיכף נאך קדושה. רביה"ק האט געזאגט אין די בראשית יארן אין אמעריקע, ווען ער האט געבעטן דער היימישער עולם זאל זיך נישט שעמען מיטן שטריימעל, אינדערהיים איז דער שטריימל געווען לכבוד ולתפארת, אין אמעריקע איז עס א הכרח, צו זיין אפגעטיילט פון די פרעמדע גאס.

**פאר הערות רופט: 347.603.0383 • צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com**